# אַלטער קאַציזנע

## גאָלדענע שיך

(כעלעמער נוסח)

די זון האָט זיך יום-טובֿדיק -- ליכטיק צעשײַנט:
דעם כעלעמער מלכס געבורטס-טאָג איז הײַנט.
אָט קוקט ער אַראָפּ פֿון די הויכע באַלקאָנען,
צי קומט שוין דאָס פֿאָלק מיט דער נײַער מתּנה.
מע טראַכט שוין, מע טראָגט שוין די גאָלדענע שיך
פֿון עכטן דוקאַטן -- אַ שיכט אויף אַ שיכט!
דאָס פֿאָלק האָט די גאָלדענע שיכלעך געקאַוועט,
דער מלך זאָל טראָגן אין עושר און כּבֿוד.
און ווער עס וועט טרעפֿן דעם מלך אין גאַס --
זאָל מאַכן אַ וואַרע אַזוי ווי עס פּאַסט.

---

דער פּנקס דערציילט, אַז אין כעלעמער געגנט
דעם זעלבן האַלב-יאָר האַט אַלץ אָפּטער גערעגנט.
די כעלעמער גאַסן באַגאָסן מיט ליים.
ווי טיף איז די בלאָטע -- פֿאַרשטייט-זשע אַליין!
און כעלעמער פֿיס האָבן ערלעך געקנאָטן,
משבת לשבת די שיטערע בלאָטע.
ווער שלעפּט זיך עס שטיל און געפֿאַלן בײַ זיך?
דאָס דריפּטשעט דער מלך אין גאָלדענע שיך.

---

האָט כעלעם פֿאַרזאַמלט די הויפּט-מיניסטאָרן,
די הויפּט-רעדאַקטאָרן, די הויפּט-סענאַטאָרן,
חזנים, דיינים, דערצו ראַבינאַט --
די גרעסטע אַסיפֿה האָט כעלעם געהאַט.
אויף דעם איז נישטאָ עפּעס בעסערס צו זאָגן:

דער מלך מוז ווײַטער די שיך זײַנע טראָגן,
דאָס פֿאָלק האָט דאָך ערלעך און שווערלעך באַצאָלט,
דעם מלך צו זען אַ באַשוכטן אין גאָלד!
אי-וואָס? עס בלײַבט איבער דער קלײנער חסרון:
דאָס גאָלד גײט לגמרי אין בלאָטע פֿאַרלױרן?
דאָס מוז מען פֿאַרהיטן, דער חשבון איז קלאָר,
דער מלך מוז אָנטאָן קאַלאָשן אַ פּאָר.

---

בכדי אָבער אויך פֿון דעם גאָלד זאָל מען וויסן,
מוז יעדער קאַלאָש זײַן פֿון פֿאָרנט צעריסן
דאָס גאָלד זאָל אַרויסקוקן רחבֿותדיק-ברײט
און אָנפֿילן כעלעמער הערצער מיט פֿרײד.
בימי אָבער גאָר פֿון געהויבענער בלאָטע
דער מלך איז אויך פֿון די לעכער דאַן פּטור;
דער מלך אַלײן און זײַן גנעדיקע פֿרוי
זײ קענען פֿאַרשטאָפּן די לעכער מיט שטרוי.

---

און אָט איז די כעלעמער הויף-אוניפֿאָרם:
צווײ טיפּע קאַלאָשן מיט לעכער פֿון פֿאָרנט,
די לעכער מיט שטרויענע שפּונטן פֿאַרשטעקט --
דאָס לאָזט זיך דער כעלעמער מלך אין וועג.